אין הארוואַרד־ און קאָלאַמביאַ־אוניווערסיטעטן, וואו געקראָגן זײַנע דיפּלאָמען און ד״ר־טיטול אין סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. אין 1903 איז וו׳ געווען דער מיטגרינדער פֿון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע, שפּעטער אויך פֿון „החלוץ״ און „דוברי עברית״. פֿון 1912 ביז 1925 געלעבט אין א״י, געווען לערער אין דער ערשטער הרצליה־גימנאַזיע אין יפֿו־תל־אָבֿיבֿ, גלײַכצײַטיק טעטיק אין דער „אחדות העבודה״. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אינטערנירט אין טערקײַ. פֿון 1925 ביז 1929 ווידער געלעבט אין נ״י, שפּעטער צוריקגעפֿאָרן קיין א״י און ביז זײַן טויט געווען אָנפֿירער פֿון דעם פּ״ג „השׂכּלה״. — וו׳ האָט געדרוקט אַרטיקלען איבער סאָציאַלע פּראָגעס, וועגן דערציאונג־ און אַרבעטער־פּראָבלעמען אין ייִדיש, העברעאיש און ענגליש. זיך באַטייליקט אין ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס דאָס נײַע לעבען, דער אידישער קעמפּער — נ״י; השלוח, הפועל הצעיר, החינוך, בין הזמנים (צפת), הגליל א״א אין א״י. אַרויסגעגעבן די ביכער:

*Evolution of Modern Hebrew Literature* 1850-1912 (פּ״ג פֿון קאָלאַמביאַ־אוניווערסיטעט), נ״י 1916, 4 פּליום 127 זז׳; *Modern Palestine*, נ״י, 1927, 7 פּליום 227 זז׳. מיטרעדאַקטאָר און אַ צײַט אויך רעדאַקטאָר פֿון דער אידישער קעמפּער, נ״י, די זאַמלביכער בין הזמנים, צפת, 1915-1916, הגליל (צוזאַמען מיט רחל ינאית־בן־צבֿי) א״אַ. ער איז אויך דער מחבר פֿון ענגליש־העברעאישע און העברעאיש־ענגלישע ווערטערביכער. געשטאָרבן אין ירושלים.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 1; ל. שפּיזמאַן, געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פון צפון־אַמעריקע, ב׳ 2, נ״י, (זוכצעטל); ד. תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, ח׳, ע׳ 3153; א. א. ליסיצקי, אלה תולדות אדם, מוסד ביאַליק, ירושלים, און אין דער ענגלישער איבערזעצונג אין דהע גריפּ אָוו קראָסקאַרענטס, נ״י 1959, זז׳ 150-152; ספר האישים, ת״א, תרצ״ז, זז׳ 564-565;
*UJE*, Vol. 10, p. 446.

## וואַלדשטיין, אַבֿרהם־שלמה

— (1874 — 6טן יוני, 1932) — געב׳ אין יאַנאָווע, קאָוונער געגנט, ליטע, אין אַ סוחרישער משפּחה. געלערנט אין חדר, בית־המדרש און אין די ישיבֿות אין קאָוונע און סלאָבאָדקע. אין 1896 געקומען קיין אַמעריקע, שטודירט